**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/17/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווארנער HOCHUL מעלדט CORNING וועט אינוועסטירן מער ווי 315 מיליאן דאלאר און שאפן ביז 300 דשאבס אין סעמיקאנדאקטער גלאז פאבריצירונג אייגריכטונג אין נארט קאנטרי

***ניו יארק-באזירטע פאבריצירער וועלן וואקסן קאנטאן אייגריכטונג און פאבריצירן גלאז גענוצט צו מאכן הויכע קוואליטעט טשיפס***

***געבט צו צו פעדעראלע אינוועסטירונג דורך CHIPS אינסענטיוו פראגראם***

גאווארנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן אז Corning Incorporated, א ניו יארק-באזירטע וועלטליכע פירער אין ספעציעלע גלאז און קעראמיקס, אינוועסטירט ביז 315 מיליאן דאלאר און ערווארטעט צו שאפן ביז 130 נייע פאבריצירונג דשאבס און ביז 175 קאנסטראקשן דשאבס אין איר אייגריכטונג אין קאנטאן, סט. לאווערנס קאונטי. Corning, א פירנדע אינאוועיטאר אין מאטעריאלן סייענס און איינס פון די גרעסטע אינדוסטריעלע ארבעטגעבער אינעם ראיאן, וועט פארמערן פראדוקציע פון איר High Purity Fused Silica (HPFS) און EXTREME Ultra Low Expansion (ULE) גלאז, און דערגרייכן א נאוועל טעכנאלאגיע פאבריצירונג פראצעדור אין איר פאבריק. HOFS און ULE מאטעריאלן זענען הויפט באשטאנדטיילן פון deep ultraviolet (DUV) און extreme ultraviolet (EUV) ליטאגראפי מאשינען און פאטאמאסקעס, וואס זענען וויכטיג פאר די פאבריצירונג פון הויפט סעמיקאנדאקטערס, און געבט צו צו ניו יארק סטעיט'ס באמיאונגען צו וואקסן די סעמיקאנדאקטער אינדוסטרי און סופליי טשעין.

"Corning איז געווען א וויכטיגע טייל פון די צאמשטעלן פון ניו יארק סטעיט פאבריצירונג פאר מער ווי 170 יאר און איז די פירער אין ספעשעלטי גלאז און קעראמיקס," **האט גאווארנער Hochul (האקול) געזאגט.** "צוליב אינאוואטיווע קאמפעניס אזויווי Corning, צוזאמען מיט די אינוועסטירונגען וואס ניו יארק האט געמאכט אין די אינדוסטרי וועלן וועלן מיר ווייטער פירן די פאלק אין וואקסן סעמיקאנדאקטער פאבריצירונג און R&D. ניו יארק סטעיט האט די טאלאנט, אינפראסטרוקטור און אינאוואציע צו ווייטער גיין אויך דעם וועג און מיר וועלן ווייטער בויען די קריטישע אינדוסטרי, שאפן דשאבס און שטיצן עקאנאמישע וואוקס."

**Corning Incorporated טשערמאן און CEO Wendell Weeks (ווענדעל וויקס) האט געזאגט,**"די סטראטעגישע אינוועסטירונג וועט ערמעגליכן אונזער קאנטאן, N.Y. אייגריכטונג'ס אנגייענדע וואוקס און די פארברייטערונג פון קומענדיגע-גענעראציאן פאבריצירונג מעגליכקייטן נויטיג צו פראדוצירן קריטישע מאטעריאלן פאר ליטאגראפי געצייג וואס שאפן די וועלט'ס מערסט פארגעשריטענע מיקראטשיפס. מיר זענען שטאלץ צו טון אונזער טייל צו פארבעסערן סעמיקאנדאקטער פאבריצירונג און שאפן נאך דשאבס אין ניו יארק, און מיר זענען דאנקבאר פאר גאווארנער Hochul'ס (האקול'ס) אנהאלטנדע שטיצע און שטארקע איבערגעגעבנקייט צו אינוועסטירן אין פארגעשריטענע פאבריצירונג אין די סטעיט."

Corning וועט אינוועסטירן ביז 315 מיליאן אין איינריכטונגען, געצייג און איינגעשטעלטע אין איר קאנטאן איינריכטונג, וואס וועט העלפן שאפן א פארלעסליכע דאמעסטישע סופליי פון וויכטיגע סעמיקאנדאקטער פאבריצירונג באשטאנדטיילן און העלפן פארבעסערן U.S. טעכנאלאגיע פירערשאפט אין די ליטאגראפי סופליי טשעין. די קאמפאני פלאנירט צו שאפן ביז 130 נייע פאבריצירונג דשאבס און ביז 175 קאנסטראקשן דשאבס, אין צוגאב צו די באלד 400 וואס זענען שוין איינגעשטעלט. עמפייר סטעיט אנטוויקלונג (Empire State Developmen) שטיצט די קאמפעני'ס וואוקס מיט ביז 7 מיליאן דאלאר אין אויספירונג-באזירטע עקסעלסיער דזשאבס פראגראם (Excelsior Jobs Program) שטייער קרעדיטס.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישינאר Hope Knight (האופ נייט) האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט נעמט פירט די לאנד'ס סעמיקאנדאקטער ווידעראויפשטייג, א דאנק גאווארנער Hochul's (האקול'ס) סטראטעגישע אינוועסטירונג צו וואקסן די סטעיט'ס אינאוואציע עקאנאמיע און אומפארגלייכבארע טאלענט פייפליין. Corning's פארפליכטיגונג צו אינוועסטירן, וואקסן און שאפן מער היי-טעק דשאבס אין די נארט קאנטרי ווייזט אז אונזער סטראטעגיע ארבעט, ווען מיר טוען ווייטער בויען די סעמיקאנדאקטער אינדוסטרי און איר עקאסיסטעם, צולייגנדיג נייע דשאבס און אנטוויקלענדיג נייע טעכנאלאגיעס."

שטיצע פון ניו יארק סטעיט ווערט געשטיצט דורך א 32 מיליאן דאלאר פעדעראלע אינוועסטירונג דורך די U.S. דעפארטמענט אוו קאמערס'ס CHIPS אינסענטיוון פראגראם ( U.S. Department of Commerce's CHIPS Incentives Program). CHIPS פאר אמעריקע האט געגעבן איבער 33 ביליאן דאלאר פון די מער ווי 36 ביליאן דאלאר אין פארגעשלאגענע אינצענטיוון געלטערן צוגעטיילט ביז יעצט. זינט דעם אנפאנג פון דיביידען-העריס אדמיניסטראציע, האבן סעמיקאנדאקטער און עלעקטראניקס קאמפעניס געמאלדן באלד 450 ביליאן דאלאר אין פריוואטע אינוועסטירונגען, צוגעברענגט אין גרויס-טייל דורך פאבליק אינוועסטירונג.

**גאווארנער Hochul's (האקול'ס) פארפליכטיגונג צו פארגרעסערן ניו יארק'ס סעמיקאנדוקטאר אינדוסטריע**

גאווערנער האקול האט אנגעהאלטן א שטארקע פארפליכטונג צו בויען א מאדערנע עקאנאמיע אין ניו יארק סטעיט דורכן אויסברייטערן א דינאמישע און ערפינדערישע סעמי-קאָנדאָקטער אינדוסטריע. אין 2022 האט די גאווערנער אונטערגעשריבן ניו יארק'ס היסטארישער 'גרינע טשיפּס' געזעץ כדי צו מאכן ניו יארק פאר א צענטער פון סעמי-קאָנדאָקטער מעניופעקטשורינג, שפאנדיג דזשאבס פון די 21'סטע יאר הונדערט און אונטערשטיצנדיג עקאנאמישע וואוקס, בשעת'ן היטן אויף וויכטיגע שוץ מאסנאמען פאר די סביבה. אלס טייל פון די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024, האט גאווערנער האקול פארזיכערט א 45 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו אוועקשטעלן די "גאווערנער'ס אפיס פאר סעמי-קאָנדאָקטער פארברייטערונג, פארוואלטונג און איינגלידערונג" ( Governor's Office of Semiconductor Expansion, Management, and Integration, GO SEMI) וואס פירט אן די סטעיט-ברייטע באמיאונגען צו אנטוויקלען די טשיפּ פראדוקציע פעלד. אין דעצעמבער 2023, האט גאווארנער Hochul (האקול) געמאלדן א 10 ביליאן דאלאר פובליק-פריוואטע פארטנערשיפּ - ארייגרעכענענדיג 9 ביליאן דאלאר אין פריוואטע אינוועסטירונג פון IBM,Micron, Applied Materials, Tokyo Electron און אנדערע סעמיקאנדוקטער פירערס - צו ברענגען די צוקונפט פון פארגעשריטענע סעמיקאנדאקטער פארש ארבעט צו ניו יארק'ס הויפשטאט ראיאן דורך שאפן די לאנד'ס ערשטע און איינציגסטע אינדוסטריע צוגענגליך, הויכע NA EUV ליטאגראפי צענטער ( High NA EUV Lithography Center) ביי די אלבאני NanoTech Complex וואס האט לעצטנס באקומען 825 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג און איז באשטימט געווארן די CHIPS פאר אמעריקא UEV אקסעלערעטאר (CHIPS for America EUV Accelerator) אונטער די CHIPS און סייענס אקט.

ניו יארק איז די היים פון א שטארקע סעמיקאנדאקטאר אינדוסטרי וועלכע שטיצט מער פון 156 סעמיקאנדאקטאר און סופליי טשעין פירמעס וואס געבן ארבעט פאר איבער 34,000 ניו יארקער. א דאנק גאווערנער האקול'ס באמיאונגען, זעצט די אינדוסטריע פאר צו וואקסן מיט גרויסארטיגע אינוועסטירונגען פון סעמי-קאָנדאָקטער ביזנעסער און מאשינעריי און באשטאנדטיילן פירמעס ווי Micron, GlobalFoundries, AMD, Edwards Vacuum, MenloMicro און TTM Technologies צו אויסברייטערן זייער אנוועזנהייט אין ניו יארק. אין פאקט, אין די לעצטע צוויי יאר, האבן טשיפס פירמעס געמאלדן איבער 112 ביליאן דאלאר אין פלאנירטע קאפיטל אינוועסטירונג אין ניו יארק - מער ווי סיי וועלכע סטעיט - און איינס אין פיר יו.עס. פאבריצירטע טשיפס וועט ווערן פאבריצירט אין 350 מייל פון אפסטעיט ניו יארק. קיין איין אנדערע ראיאן אין די קאנטרי וועלן האבן א גרעסערע טייל פון דאמעסטיק פראדוצירונג.

סעמי-קאָנדאָקטערס זענען קריטיש פאר די לאנד'ס עקאנאמישע שטארקייט, דינענדיג אלס די מוח פון מאדערנע עלעקטראניקס און ערמעגליכנדיג טעכנאלאגיעס וואס זענען קריטיש פאר די פאראייניגטע שטאטן'ס עקאנאמישע וואוקס, נאציאנאלע זיכערהייט און קאנקורענץ אויפן גלאבאלע מארקעט. די אינדוסטריע באשעפטיגט דירעקט איבער 300,000 מענטשן אין די פאראייניגטע שטאטן און שטיצט נאך מער פון 1.8 מיליאן דזשאבס אין דאס לאנד. סעמי-קאָנדאָקטערס זענען פון די פינף פראדוקטן וואס ווערן די מערסטע עקספארטירט פון די פאראייניגטע שטאטן, און עס איז די הויפט ביישטייערער צו די פרוכטבארקייט פון ארבעט, ערמעגליכנדיג פארבעסערונגען צו די ווירקזאמקייט און געשליפנקייט פון ארבעט אין כמעט יעדע עקאנאמישע סעקטאר — פון פארמינג ביז מעניופעקטשורינג.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן